# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Tsu 35tn Yortog Fun Oyfshtand In Varshever Geto / On the 35th Anniversary of the Warsaw Ghetto Uprising

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/5142s91d

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author

Moshe Shklar, Moyshe Shklyar /

### Publication Date

1978

### Copyright Information

Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library University of California

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
זלמן שלאָסער, רעדאַק. סעק.

# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
ז. בוגין, נתן גרעראָוויץ,
משה כהן, שלמה צוקערמאַן
און אַלעקס ראַבין

33טער יאָרגאַנג, נומער 90 • פרילינג 1978 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

# 35־טער יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד

עס איז אָנגענומען, אַז געשיכטע איז דער זיכרון פון אַ פאָלק. וואָלטן מיר חלילה פאַרלוירן דעם זיכרון, וואָלט זיך ערגעץ־ווו איבערגעריסן דער גאָלדענער פאָדעם פון אונדזער געשיכטע און מיר וואָלטן אַוועק אין פאַרגעסנקייט. די אַנטוויקלונג ווייסט פון נישט וויניק אַזעלכע פאַלן. צום גליק איז אַזוי נישט געשען און מיר האָבן אויפגעהיט אין אונדזער זיכרון אַלע גלאָררייכע און טראַגישע געשעענישן אויפן גאַנצן שטח פון אונדזער פיל־טויזנט־יאָריקער אַנטוויקלונג. איז דאָס געווען איינע פון די סיבות, אפשר די וויכטיקסטע, וואָס מיר האָבן אויסגעדויערט אין דער צעשפּרייטקייט צווישן פעלקער און דערלעבט דעם ווידערגעבורט פון אייגענער מלוכהשאַפט אין היסטאָרישן לאַנד פון אונדזערע אָבות.

אָבער איידער מיר האָבן צו דעם דערלעבט, האָבן מיר דורכגעמאַכט איינע פון די טראַגישסטע עפּאָכעס אין אונדזער געשיכטע, שטייענדיק ביים סאַמע ראַנד פון טאָטאַלער פאַרניכטונג. אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, זיין שעפערישסטער טייל, כמעט דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעישע יידנטום איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די ברוינע היטלעריסטישע האָרדעס, וואָס האָבן צוערשט פאַרפלייצט די דייטשישע ערד און שפּעטער זיך אַרויסגעלאָזט פון דאָרטן צום איינעמען די וועלט. זעקס מיליאָן יידן זיינען סיסטעמאַטיש דערמאָרדעט געוואָרן, פאַרשפאַרטע אין געטאָס און לאַגערן, פאַרפייניקטע דורך הונגער, דערשטיקטע אין גאַז־קאַמערן, פאַרברענטע אין קאַלך־אויוונס — און דאָס אַלץ מיט אַ פאַרויס באַשטימטן פּלאַן, וואָס האָט זיך גערופן „ענטגילטיקע לייזונג פון דער יידנפראַגע."

און די וועלט האָט געשוויגן. געקוקט און געשוויגן. פאַרשטאָפּט די אויערן צו די הילפס־רופן פון די צום טויט פאַרמישפּטע יידן אין די געטאָס און לאַגערן. אַנדערע האָבן אפילו צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם בלוטיקן מאָרד, אָדער וויניקסטנס געווען צופרידן, וואָס די דייטשן טוען אָפּ פאַר זיי די שענדלעכע מלאכה, ווי דאָס איז געשען אין פּוילן, דאָס לאַנד וואָס די היטלעריסטישע מערדער האָבן נישט צופעליק אויסגעקליבן פאַר דעם פּלאַץ פון דער שחיטה. און טאַקע דאָרט, אין פּוילן, אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, זענען די לעצטע רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן פון געטאָ אַרויס אין אויפשטאַנד קעגן דעם ביז צו די ציין באַוואָפנטן שונא.

**דאַרפן מיר וועגן דעם געדענקען. דאַרף עס פאַרקריצט זיין אין אונדזער פאָלקס־זיכרון, אויף היינט און אויף אייביק!**

געשען איז עס מיט 35 יאָר צוריק, דעם 19טן אַפּריל, 1943. פון דעם קנאַפּן האַלבן מיליאָן יידן, וואָס זיינען לכתחילה קאָנצענטרירט געווען אין די ענגע געסלעך פון וואַרשעווער געטאָ, איז שוין געבליבן בלויז עטלעכע צענדליק טויזנט. די גרעסטע מערהייט איז אומגעקומען פון הונגער־טויט, אָדער אין די גאַז־קאַמערן

פון טרעבלינקע און אוישוויץ, וווהין מען האָט זיי אַרויסגעפירט בעת דער גרויסער ליקווידירונגס־אַקציע פון זומער 1942. ווען רעגולערע אָפּטיילן פון דער דייטשישער ווערמאַכט און עס־עס האָבן אינעם פרימאָרגן פון 19טן אַפּריל 1943 אַריינמאַרשירט אין וואַרשעווער געטאָ, כדי דורכפירן דעם לעצטן אַקט פון יידן־אויסראָטונג, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אויף וועלכן זיי האָבן זיך נישט גערעכט. אָבער דער ווידערשטאַנד, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אויפשטאַנד, איז נישט געווען קיין ספּאָנטאַנער און נישט קיין לעצטער אַקט פון פאַרצווייפלונג. ער איז לאַנג און גוט צוגעגרייט געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געזאַמלט אַרום זיך כמעט אַלע אַקטיוו ווירקנדיקע פּאָליטישע ריכטונגען אין וואַרשעווער געטאָ. דער געאייניקטער פראָנט פון אַלע צום קאַמף פעאיקע יידן און דער אומבויגזאַמער ווילן נקמה צו נעמען אינעם בלוטיקן שונא, צו שטאַרבן, אויב נייטיק, פאַרן כבוד פון פאָלק, האָט מעגלעך געמאַכט דעם העראָישן אַקט פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

**דאַרפן מיר וועגן דעם געדענקען. דאַרף עס פאַרקריצט זיין אין אונדזער פאָלקס־זיכרון, אויף היינט און אויף אייביק!**

און דאָס איז באַזונדערס וויכטיק דערפאַר, ווייל אין די לעצטע יאָרן האָלטן זיך אין איין מערן „געלערנטע״ און „היסטאָריקערס״ אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד און אויך דאָ אין אַמעריקע, וואָס פּרווון פאַרלייקענען די היטלעריסטישע יידן־אויסראָטונג, „באַווייזן״, אַז זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע יידן איז אַן אויסטראַכטונג, אַז קיין טויט־לאַגערן ווו מען האָט פאַרגאַזט און געברענט י י ד ן זיינען בכלל נישט געווען... אָדער גאָר באַשולדיקן די העלדן און מאַרטירער, אַז זיי זיינען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה. און אין פוילן פּרווט מען אפילו באַווייזן, אַז דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן אָרגאַניזירט און דורכגעפירט... פּאָליאַקן. פונקט ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט פאַרלייקנט דער ריזיקער אַנטייל פון יידן אין דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד, סיי אין די רעגולערע אַרמייען און סיי אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. זיי אַלע פאַראייניקט דער דורותדיקער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז לגמרי נישט שוואַכער געוואָרן נאָך דעם קאָלאָסאַלן בלוט־אָפּפלוס פון יידישן פאָלק, הגם היינט ווערט ער טיילווייז קאַמופלאַזשירט דורך כלומרשטן אַנטי־ציוניזם. און ווער אויב נישט מיר דאַרפן ענטפערן די פאַרלוימדער, דורך שטאַרקן אונדזער פאָלקס־זיכרון!

**קיין מאָל נישט פאַרגעסן און קיין מאָל נישט מוחל זיין! —**

אַזאַ איז געווען דער אָנזאָג פון די וואַרשעווער געטאָ־גיבורים און פון די זעקס מיליאָן יידן־קרבנות, פאַר די קומענדיקע דורות. און מיר לעבן נאָך אינעם זעלביקן דור — אַליין די קרבנות און אַליין די עדות. צי מעגן מיר פאַרגעסן?

פינף און דרייסיק יאָר איז אַ קליינער אָפּשניט אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אָבער ער איז בכוח צו פאַרווישן געשעענישן אין זיכרון פון אַן איינצלנעם מענטש און אינעם זיכרון פון אַ גאַנץ פאָלק. לאָמיר דערצו נישט דערלאָזן! מיר, די קרבנות, און מיר, די עדות. לאָמיר ווידער און ווידער אַרויסרופן אין אונדזער געדעכעניש אַלע אונדזערע אומגעבראַכטע שוועסטער און ברידער, טאַטעס און מאַמעס, זקנים און קינדער — יענע וואָס זיינען געשטאָרבן פון הונגער אין די געטאָס, פאַרברענט געוואָרן אין די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן, אַוועק מיטן רויך פון די גאַז־אויוונס; און יענע וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון מרידה אין וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס און זיינען אומגעקומען מיט אַ העלדן־טויט פאַרן כבוד פון פאָלק; און יענע וואָס זיינען געפאַלן אויף אַלע פראָנטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין קאַמף קעגן דעם ברוינעם פאַשיזם.

**לאָמיר זיי געדענקען און דערמאָנען, כדי קיין מאָל מער זאָל אַזעלכעס זיך נישט איבערחזרן!**

מ. ש.